# פרשת ויקרא כ"ד אדר – א' ניסן תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויקרא***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' פסח סימן תע"ב סעיף י"ג) בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה האט משה רבינו געגעבן צוויי מצות, די מצוה פון שבת, און די מצוה פון בנין המשכן. דער אייבערשטער האט געגעבן פאר משה רבינו די צוויי מצות ווען ער איז געווען אויבן אין הימל, דאס זענען די פרשיות פון תרומה תצוה און כי תשא. נאך יום כיפור ווען משה רבינו איז אראפגעקומען פונעם הימל האט ער מקהיל געווען את כל עדת בני ישראל, ער האט צוזאמגערופן יודען, און ער האט זיי געגעבן די צוויי מצות. ער האט אנגעהויבן מיט שבת, און נאכדעם איז ער אריבערגעגאנגען צו די משכן. רש"י (שמות לה-ב) זאגט, אז משה רבינו האט מקדים געווען שבת פארן משכן, כדי צו לערנען אז בנין המשכן איז נישט דוחה שבת. די פירוש המלות דערפון איז, ווען א מענטש זאגט צוויי זאכן, און איינס זאגט ער קודם, און די צווייטע זאגט ער נאכדעם, מיינט עס צו זאגן, אז די ערשטע דאס איז די עיקר, און די צווייטע איז דער טפל דערצו. שבת דאס איז די ערשטע פאר זיך, מען קען נישט מחלל זיין שבת. ווען איך געב דיר נאכדעם א מצוה פון בויען דעם משכן, איז דאס נאר ווען מען שטערט נישט דעם שבת. אין די וואכעדיגע טעג קען מען בויען די משכן. הקדים שבת למלאכת המשכן, צו ווייזען אז דער שבת קומט פאר דעם.

**מיט** דעם פארשטייט מען, אז ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו אז מען זאל נישט בויען דעם משכן אין שבת, האט ער געזאגט, אך את שבתותי תשמורו (שמות לא-יג), און רש"י זאגט, 'אך' איז א מיעוט, אז מען זאל נישט מחלל שבת זיין צו בויען די משכן. פארוואס האט דער אייבערשטער געדארפט זאגן א מיעוט, אך את שבתותי תשמורו. ווייל ווען דער באשעפער האט גערעדט צו משה רבינו האט ער אים קודם געזאגט די פרשה פון תרומה, צו בויען די משכן, און נאכדעם האט ער אים געזאגט די מצוה פון שבת. איז דאך לויטן סדר אז מען איז מקדים די משכן וואלט דאך געדארפט אויסקומען אז די משכן קומט פריער פון שבת. אפילו דו האלטסט טאקע שבת, אבער שטער נישט די משכן. האט דער באשעפער געמוזט צוגעבן א מיעוט, 'אך' את שבתותי תשמורו, אז כאטש איך האב מקדים געווען די משכן פאר שבת, אבער מען זאל נישט מחלל שבת זיין.

**דער רמב"ן** שטעלט זיך, אויב אך את שבתותי תשמורו איז א מיעוט, וואלט געדארפט זיין די מיעוט ביים משכן, נישט ביי שבת. אז די מיעוט שטייט ביי שבת, איז עס ממעט שבת, אז דער שבת גייט נישט אייביג אן, עס איז דא אמאל וואס מען איז יא מחלל דעם שבת. און ער דינגט זיך, אז נישט פון דא לערן איך ארויס אז עס איז נישט דוחה שבת, און אך את שבתותי תשמורו גייט ארויף אויף שבת, א מיעוט אין שבת אז פיקוח נפש איז דוחה שבת, און מילה איז דוחה שבת. קומט אויס, אז אך את שבתותי תשמורו איז נישט אזא הכרח אז עס גייט ארויף אז מען זאל נישט מדחה זיין שבת פארן משכן.

**איך** האב געטראכט, מען זעהט אז דער ערשטער משכן וואס דער אייבערשטער האט געמאכט אינעם מדבר, איז געווען זייער א פרימיטיווע משכן. מען האט צוזאמגעשטעלט א משכן פון האלץ מיט יריעות, א כאטקע ווי מען רופט עס. די צווייטע בנין איז געווען דער בית המקדש הראשון, וואס איז געווען א שיינע גרויסע הויכע בנין. די בית המקדש השני, שטייט אין פסוק (חגי ב-ט) גדול יהיה כבוד הבית הזה האחרון מן הראשון. עס איז געווען נאך שענער און א העכערער בנין פונעם ערשטען בית המקדש (ב"ב ג.). מען האט אנגעהויבען מיט א קליינע משכן, נאכדעם א געהעריגען בנין, און נאכדעם איז געווארן א פראכטפולער בנין.

**ווען** מען קוקט אויף די קדושה פונעם בית המקדש, איז דער לעצטער בית המקדש שוין געווען די שוואכסטע קדושה. פינף זאכן האבן שוין געפעלט פונעם בית שני, און איינס דערפון איז געווען שכינה (יומא כא:), עס איז נישט געווען קיין השראת השכינה אינעם צווייטן בית. אין בית ראשון איז געווען די שכינה און די אלע פינף זאכן, און אין בית שני איז עס נישט געווען. די מפרשים זענען שוין מסביר, אז דער פשט דערפון איז, מען קען נישט זאגן אז עס איז נישט געווען א השראת השכינה אין בית שני, ווייל אויב אזוי צו וואס איז געווען דער מקדש, אויב דער אייבערשטער רוהט נישט דארט. ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח). נאר דער פשט דערפון איז, אז השראת השכינה האט זייער אסאך מדריגות. אחד שיושב ולומד שכינה כנגדו (ברכות ו.), ווען איינער זיצט און לערנט, ווי ער איז, אפילו ביי זיך אין שטוב, איז שכינה כנגדו. עשרה שיושבין איז דא נאך א גרעסערער השראת השכינה. נאכדעם געפונט מען אין די גמרא (יבמות סד.) אז אין השכינה שורה בפחות מכ"ב אלף אנשים, שנאמר (במדבר י-לו) שובה ה' רבבות אלפי ישראל. עס איז דא א מדרש (ב"ר עד-יז) אז ביי מתן תורה האט נישט געקענט זיין השראת השכינה אויב איינע פון די שישים רבוא יודען וואלטן געפעלט. עס איז דא כמה מדריגות פון השראת השכינה. די השראת השכינה וואס איז געווען אין בית ראשון, דאס איז נישט געווען אין בית שני. ווייל השראת השכינה איז לויטן מצב פון יודען, און ביים בית שני זענען שוין יודען נישט געווען ווי עס דארף צו זיין, איז די השראת השכינה געווען שוואכער ווי ביים בית ראשון.

**עס** איז מסתבר, אז אין משכן איז געווען נאך א גרעסערע השראת השכינה ווי אין בית ראשון. אין מדבר איז געווען א דור פון יודען וואס האבען מקבל געווען די תורה, מען איז געזעסן און געדינט דעם אייבערשטען די גאנצע פערציג יאר אין מדבר. מען האט געגעסן מן, לחם מן השמים, לחם אבירים אכל איש (תהלים עח-כה). די קדושה פון יודען איז געווען אויף א געוואלדיגע הויכע מדריגה. עס שטייט אין מדרש (פרקי דרבי אליעזר פרק מא) אז די אלע יודען אינעם מדבר האבן נישט געזעהן קיין טומאה זייער אלע טעג נאכדעם, פון ווען זיי האבן מקבל געווען די תורה. איז מסתבר אז אין משכן איז געווען די העכסטע קדושה. אין בית ראשון, פיר הונדערט יאר שפעטער, איז שוין נישט געווען אזא שטארקע קדושה. נאכדעם איז געווען די דריטע בית וואו עס האט שוין געפעלט פינף זאכן, איז שוין די קדושה געווען נאך שוואכער.

**די** גמרא (שבת קמה:) זאגט, מפני מה תלמידי חכמים שבבבל מצויינין, פארוואס גייען די תלמידי חכמים פון בבל מיט שיינע קליידער, און די בני ארץ ישראל נישט. מפני שאינן בני תורה, ווייל זיי זענען נישט אזעלכע בני תורה ווי די בני ארץ ישראל. רש"י טייטשט, אז די בני ארץ ישראל זענען געווען מפורסמים פאר תלמידי חכמים, און ממילא האבן זיי נישט געדארפט האבן אזעלכע שיינע קליידער וואס זאל ארויסברענגען זייער כבוד, מען האט זיי מכבד געווען פאר זייער תורה. אבער די תלמידי חכמים שבבבל זענען שוין נישט געווען אזעלכע תלמידי חכמים, און ווען מען האט געדארפט האבן כבוד התורה, האבן זיי זיך געמוזט אנטון מיט שיינע בגדים כדי עס זאל ארויסברענגען דעם כבוד. קומט אויס, ווי הייליגער א זאך איז, דארף עס האבן וויניגער חיצוניות וואס זאל עס באדעקן, און ווי שוואכער די זאך איז, מוז מען עס באדעקן פון אינדרויסן אז עס זאל זיין שענער.

**אין** בית שני וואס עס האט געפעלט פונעם בית המקדש פינף זאכן, עס איז שוין נישט געווען די קדושה וואס מען האט געטאפט אין בית ראשון, כדי עס זאל מאכן א רושם, האט מען געדארפט אהערשטעלן א שיינע בית המקדש וואס איז געווען גדול יהיה כבוד הבית האחרון מן הראשון. ער זאגט נישט, גדול יהיה בית האחרון מן הראשון, אז דער בית שני אליין איז גדול, דער בית שני אליין איז געווען א שוואכערע קדושה פונעם בית ראשון, אבער דער 'כבוד' הבית, די כבוד וואס מען דארף צושטעלן דערצו, דאס האט געדארפט זיין אין א העכערע מדריגה. אין בית ראשון איז געווען די קדושה

אסאך העכער, האט נישט געדארפט זיין אזא שיינער בית המקדש. אין משכן וואו די קדושה פונעם משכן איז געווען נאך גרעסער, איז געווען געגוג אפילו א קליין הייזקעלע פון ברעטער, עס איז נישט געווען וואס זאל מאכן עפעס א רושם, אז ווען מען קומט אריין אינווייניג זאל מען זאגן, עס איז אזא שיין פלאץ. ווייל די קדושה וואס איז געווען דארט, דאס האט געברענגט דעם רושם. איז ממילא דער משכן געווען גאר פשוט, ווייל די קדושה איז געווען דארט גרויס. אין בית ראשון איז שוין די קדושה נישט געווען אזוי גרויס, האט מען געדארפט אהערשטעלן א שיינעם בית. שפעטער ביים בית שני האט מען געדארפט אהערשטלן נאך א שענערן בית.

**איך** האב געהערט פון מיין פעטער דער **קאטמונער רב זצ"ל**, ער איז געווען זייער א קלוגער יוד, האט ער געזאגט, אז מען זעהט היינט אז ווען א רבי פארט ערגעץ, פארט ער מיט הונדערטער חסידים. פרעגט מען, פארוואס דארף מען האבן די הונדערטער חסידים, זיי האבן נישט דעם רבי אינדערהיים, אז זיי דארפן מיטגיין וואו דער רבי איז. זיי קענען נישט אוסהאלטן איין שבת אן דעם רבי. זאגט מען, ניין, דער רבי פארט ערגעץ, און ער מוז דאך מאכן עפעס א רושם דארט וואו ער קומט אן, און אז ער קומט מיט א עולם, מאכט עס א רושם. פרעגט מען, פארוואס זיין טאטע און זיין זיידע ווען זיי זענען געפארן, האט מען נישט געדארפט מאכן דעם רושם. ער האט געקענט פארן מיט צווי גבאים, און עס איז געווען גוט, און מען האט נישט געדארפט האבן דעם גאנצן עולם. זאגט מען, וואס פארשטייסטו נישט. זיין טאטע איז דאך געווען א הייליגער יוד, ממילא האט ער נישט געדארפט האבן דעם גאנצן ארום און ארום, מען איז אים באפאלן וואו ער איז געגאנגען, איז געווען גוט אזוי אויך. אבער היינט איז דאך שוין נישט אזוי ווי עס איז געווען, דארף מען מאכן ארום און ארום, אז עס זאל מאכן עפעס א רושם.

**האט** דער **קאטמונער רב** צוגעגעבן, רש"י (בראשית כח-י) זאגט, בזמן שהצדיק בעיר, ווען עס איז דא דארט א צדיק, הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה. אבער בזמן שאין צדיק בעיר, אז עס פעלט דער צדקות, עושה רושם, דארף מען מאכן א רושם. מען דארף עפעס מאכן דערצו אז עס זאל זיין א רושם. - אין בית שלישי ווי עס איז נישט געווען אזא השראת השכינה ווי אין משכן, עושה רושם, האט מען געדארפט מאכן כאטשיג עפעס א שיינעם בנין, אז דער בית המקדש זאל אויסקוקן ווי עס דארף צו זיין. אבער אין משכן האט עס נישט אויסגעפעלט, ווייל דער השראת השכינה איז געווען דארט אויף די העכסטע מדריגה.

**ווען** יודען וואלטן נישט געזינדיגט מיטן חטא העגל, וואלטן יודען געווען אויף גאר א הויכע מדריגה, אני אמרתי אלקים אתם (תהלים פב-ו), זיי וואלטן געווען אזוי ווי מלאכים (שהש"ר א-ב). וואלט די השראת השכינה אינעם משכן געווען אויף גאר א הויכע פארנעם. אבער אזוי ווי מען האט געזינדיגט, איז אין משכן אויך שוין נישט געווען די השראת אויף די העכסטע מדריגה. ווען מען וואלט נישט געזינדיגט מיטן עגל, וואלט געווען אינעם משכן אסאך א העכערע קדושה, אז די קדושה פונעם משכן וואלט געווען שטערקער פון די קדושה פון שבת. קדושת שבת וואלט געווען א קדושה קלה, אקעגן די קדושה וואס איז דא אינעם משכן.

**ווען** דער אייבערשטער האט געגעבן פאר משה רבינו די פרשיות פון תרומה און תצוה, זאגט דער **רמב"ן** (שמות לה-א) אז עס איז געווען פאר מען האט געזינדיגט מיטן עגל. און אז מען האט נישט געזינדיגט מיטן עגל, און דער אייבערשטער האט געזאגט ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, האט דער אייבערשטער גערעדט, אז עס זאל זיין א השראת השכינה אינעם משכן אויף א מורא'דיגען פארנעם. און דעמאלטס וואלט געווען די הלכה, אז שבת ווערט נדחה פאר אזא משכן. שבת איז א קדושה קלה, און דער משכן איז די קדושה חמורה. האט דער אייבערשטער מקדים געווען קודם די מצוה פון משכן, ווייל משכן וועט זיין פריער, און שבת איז שוין די צווייטע מדריגה, און מען וועט מעגן

מחלל שבת זיין, כדי צו מאכן דעם משכן. 'אך' את שבתותי תשמורו, איז א מיעוט אינעם שבת, מען וועט קענען ממעט זיין דעם שבת כדי צו מאכן א משכן.

**די** פרשה פון ויקהל איז שוין אבער געגעבן געווארן נאכדעם וואס מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל. און נאכן חטא העגל איז די השראת השכינה אינעם משכן אויך געווען אויף א הויכע מדריגה, אבער שוין נישט אזוי ווי מען האט גערעדט אין אנהייב, איז שוין שבת געווען א העכערע קדושה ווי דער משכן, האט משה רבינו געדארפט מקדים זיין קודם שבת, און נאכדעם משכן. - ויקהל משה את כל עדת בני ישראל ויאמר אליהם 'אלה' הדברים, עטץ האטס דאך געזאגט די ווערטער 'אלה' אלקיך ישראל (שמות לב-ח), מען האט געמאכט א עגל, און ממילא האט איר שוין נישט א זכות אז עס זאל זיין אזא גרויסע השראת השכינה אינעם משכן, אז עס זאל זיין העכער פונעם שבת. קומט קודם דער שבת, און נאכדעם קומט דער משכן, און דער עשיית המשכן איז נישט דוחה שבת.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **יעקב גראס** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שמשון מארקוס** הי"ו, שהתקיים באולם ליפשיץ.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **משה הערשקאוויטש** הי"ו (חתן הר"ר **יאיר צבי גרינצווייג** הי"ו), עב"ג בן הר"ר **יחיאל מיסקי** הי"ו, שהתקיים באולם סקאליע.

*

***יום שני פרשת ויקרא***

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יוסף באדאנסקי** הי"ו, שהתקיים באולם בית שרה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך איז די פרשה פון קרבנות, די מצוה איז געווען אז עס האט געדארפט זיין שטענדיג א פייער אויפן מזבח, ונתנו בני אהרן הכהנים אש על המזבח (ויקרא א-ז), מען האט געדארפט לייגען אש אויפן מזבח, און ווי רש"י ברענגט צו, אף על פי שאש יורדת מן השמים, מצוה להביא מן ההדיוט (תו"כ א-מט). עס איז טאקע געווען א פייער פון הימל אויפן מזבח, און עס האט נישט אויסגעפעלט אונזער פייער, אבער עס איז געווען א מצוה אז די כהנים האבן יעדן טאג געדארפט צולייגען אש מן ההדיוט. אלע ענינים פון די קרבנות לערנט אונז א געוויסע מדה וואס איז נוגע פאר עבודה ה'.

**עס** קען זיין, די פאריגע וואך אין די פרשה, איז געווען די פרשה פון בנין המשכן. עס שטייט אין ירושלמי (ברכות ד-ג) אז די טעם פארוואס מיר דאווענען יעדן טאג אכצן ברכות ביי די שמונה עשרה, וואס איז דער מספר פון אכצן. ווייל אין פרשת פקודי ווען מען האט געמאכט די משכן, איז אויסגערעכנט אכצן מאל, אז מען האט עס געטון כאשר צוה ה', אזוי ווי דער אייבערשטער האט מצווה געווען. עס איז געווען אכצן ציוויים, און אקעגן דעם דאווענט מען אכצן ברכות אין די שמונה עשרה. דער ירושלמי איז נישט מסביר, וואס איז דער קשר, אז מען דאווענט אכצן ברכות ביי די שמונה עשרה, ווייל עס איז געווען אכצן ציוויים ביי די משכן.

**עס** קען אפשר זיין, אז דער ענין דערפון איז. מען ווייסט אז דער בנין המשכן פארן אייבערשטען איז נישט געווען נאר א מקדש וואס איז געווען דעמאלטס, וואס היינט אז עס איז נישטא, פעלט ביי אונז די השראת השכינה. נאר ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח) בתוכו לא נאמר, אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל. יעדער יוד קען זיין א משכן פארן אייבערשטען. ווען א יוד פירט זיך ערליך, ער פירט זיך על פי התורה, איז דא א השראת השכינה אויף אים, און ער ווערט א משכן פארן אייבערשטען. ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, אין דיר, בתוך כל אחד ואחד מישראל.

**עס** איז דא א טייער ווארט פונעם **אלשיך הק'**, אז דער פסוק (תהלים עח-ס) זאגט, ויטוש משכן שילו,

אהל שכן באדם. דער פשוטער פשט איז, אז דער אייבערשטער האט איבערגעלאזט משכן שילה, און ער האט איבערגעלאזט דעם אהל וואו ער האט געהאט געוואוינט צווישן מענטשן. דער באשעפער האט ארויפגענומען די שכינה אויבן אין הימל. זאגט דער **אלשיך הק'**, אז דער פשט אין פסוק איז אנדערש, דער אייבערשטער האט איבערגעלאזט דעם בית המקדש, מיר האבן נישט היינט א בית המקדש, אבער ער האט אונז נישט איבערגעלאזט אינגאנצן, ער האט אריינגעלייגט זיין השראת השכינה אינעם מענטש. דו קענסט ווערן דער משכן און דער מקדש פארן אייבערשטען. 'ויטוש משכן שילה', דער אייבערשטער האט איבערגעלאזט די משכן פון שילה, אבער 'אהל', זיין געצעלט, 'שכן', האט ער יעצט אריינגעלייגט, 'באדם', אינעם מענטש. דער מענטש קען זיין א משכן פארן אייבערשטען, עס זאל זיין ביי אים א מקום פון השראת השכינה.

**קומט** אויס, אז דער משכן איז נישט נאר א משכן וואס איז געווען דעמאלטס, מיר קענען היינט אלע זוכה זיין צו זיין א משכן פארן אייבערשטען. צו דעם פארלאנגט זיך אבער תפלה, ווען א יוד דאווענט, און ער בעהט אז דער אייבערשטער זאל אים געבן די כוחות הנפש, אז ער זאל זיך קענען מתגבר זיין אויפן יצר הרע, און קענען דינען דעם אייבערשטען, מיט דעם כח התפלה קען א מענטש צוקומען דערצו, אז ער זאל זיין א משכן פארן באשעפער. וועגן דעם ווען עס איז דא די אכצן ציוויים פונעם משכן, וואס איז נישט נאר געווען אויף דעמאלטס, דער משכן איז דאך אויף שטענדיג, אהל שכן באדם, דער מענטש קען זיין א משכן, האבן די חכמים מתקן געווען די תפלות, צו ווייזען אז כדי זוכה צו זיין צו זיין א משכן פארן אייבערשטען, דארף מען אסאך מתפלל זיין, און בעטן פונעם אייבערשטען אז מען זאל קענען זיך פירן אין ריכטיגען וועג, און צוקומען צו די מדריגה אז מען זאל קענען ווערן א משכן פארן אייבערשטען.

**א** בר מצוה בחור וואס גייט אריין לעול המצות, אהל שכן באדם, ער באקומט יעצט דעם יצר טוב, וואס דער יצר טוב ברענגט צו א יוד אז ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטען. א יוד דארף זיך אויסשטעלן זיין וועג, איך וויל זיין א משכן פארן אייבערשטען, אז עס זאל זיין אין מיר א השראת השכינה. און דאס איז אש יורד מן השמים, ווען מען ווערט ערצויגען אין א גוטע שטוב, מען האט ערליכע זיידעס און עלטער זיידעס וואס האבן משריש געווען א קדושה אינעם קינד, ערליכע עלטערן וואס ווייזן דעם וועג דערצו, דאס איז דער אש וואס איז יורד מן השמים, דאס איז א פייער אינעם מענטש וואס איז אראפגעקומען מן השמים, ער האט גארנישט געהארעוועט דערצו, עס איז געקומען צו אים מן השמים. אבער דער אש מן השמים איז נישט גענוג, עס איז א מצוה צו ברענגען פון א הדיוט, ממשיך צו זיין דעם וועג ווייטער אויך. דער אייבערשטער זאל געבן, אז דער בר מצוה בחור זאל וואקסען בתורה וביראת שמים, און די עלטערן זאלן זעהן ביי אים אסאך יודיש נחת, און מיר זאלן אלע זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **ישעי' יהודא גראזינגער** הי"ו (בן הר"ר **משה שמואל גראזינגער** הי"ו), עב"ג בת הר"ר **נחמי' בראדט** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'.

*

***יום שלישי פרשת ויקרא***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שרגא פייבוש ראזענבערג** ע"ה, ואצל משפחת הר"ר **חיים יהודא רוטנער** ע"ה

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **יעקב ראכליץ** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה צבי איזראעל** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרה"ג **רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א**

דומ"ץ בקהלתנו הק' בוומסב"ג, שהתקיים באולם קראסנא, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך איז די פרשה פון קרבנות, די תורה זאגט, אל פתח אוהל מועד יקריב אותו לרצונו לפני ה' (ויקרא א-ג), די קרבן וואס מען האט געברענגט, האט מען געדארפט ברענגען אל פתח אהל מועד, און עס מקריב זיין פארן רצון פונעם אייבערשטען. די גמרא (ר"ה ו.) דרש'נט, יקריב אותו, מלמד שכופין אותו, ווען איינער איז מחוייב צו ברענגען א קרבן, און ער האט עס נישט געברענגט, האט מען אים געצווינגען אז ער דארף ברענגען דעם קרבן. איי עס שטייט דאך 'לרצונו', אז עס מוז זיין לרצון, מכין אותו עד שיאמר רוצה אני. עס איז באקאנט די קשיא וואס מען פרעגט, אויב מען שלאגט אים ביז ער זאגט רוצה אני, איז עס נאך אלץ נישט לרצונו, ער האט דאך עס געטון מתוך אונס.

**דער רמב"ם** (הל' גירושין ב-כ) זאגט דערויף, אז די רצון פון א יוד איז צו טון דעם רצון פונעם אייבערשטען. דער אייבערשטער האט געהייסען ברענגען א קרבן, וויל ער ברענגען א קרבן. אבער אסאך מאל האט מען נישט די כוחות הנפש אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין און ברענגען א קרבן. אמאל איז עס ווייל עס קאסט געלט, אמאל איז דא א טירחא, און אמאל איז דא א יצר הרע וואס שטערט, און דאס וואס מען שלאגט אים, עד שיאמר רוצה אני, נעמט מען נאר אוועק די זאך וואס שטערט אים. און ווען ער זאגט רוצה אני, איז באמת זיין רצון צו טון דעם רצון ה'. איז דער מכין אותו, וואס מען שלאגט אים ביז ער זאגט רוצה אני, איז נישט אז ער זאגט רוצה אני ווייל מען האט אים געשלאגן, נאר מיט מכין אותו האט מען אוועקגענומען די זאך וואס האט אים געשטערט, און ווען ער זאגט רוצה אני, איז עס לרצונו.

**עס** איז דא א שיין ווארט אין **שיר מעון** פון **רבי שמעון סופר זצ"ל**, דער **ערלוי'ער רב**. אז א יוד אפילו ער האט נישט געהאלטן ביים ברענגען א קרבן, עס איז דא סיבות וואס איז מעכב און ער איז נישט דערביי, דאס אלעס איז נאר ווילאנג א מענטש איז פאר זיך. עס פעלט ערליכקייט, יראת שמים, קדושה, וואס זאל אים מחייב זיין צו ברענגען דאס קרבן. אבער איינמאל מען האט אים געצווינגען צו ברענגען א קרבן, און ער איז געקומען מיטן קרבן, און ער איז אריינגעגאנגען אין די עזרה צו ברענגען דאס קרבן, איז ער נתמלא געווארן מיט אזא קדושה וואס איז געווען אין די עזרה, אז עס איז באמת געווארן ביי אים לרצונו. דאס וואס מען האט אים געדארפט שלאגען איז נאר אז ער זאל אנקומען אין דעם מקום קדוש פונעם בית המקדש, אבער איינמאל אז ער איז שוין געווען דארט, ווייל מען האט אים געצווינגען אהין אנצוקומען מיטן קרבן, ווען ער איז אנגעקומען אהין, איז עס געווארן ביי אים א אמת'דיגע רצון. ווייל די קדושת המקום האט צוגעברענגט דערצו, אז ער זאל זיין דערביי. - זאגט ער, 'אל פתח אהל מועד', ביז צום פתח אהל מועד, 'יקריב אותו', דארף מען אים צווינגען, אבער 'לרצונו לפני ה'', ווען ער איז שוין לפני ה', דארט ווערט עס שוין לרצונו.

**די** מוסר השכל דערפון איז, עס איז דא אמאל א מענטש, וואס עס קומט אים אן שווער צו טון א דבר טוב. עס איז פארבינדען מיט טירחא און אנדערע ענינים. אבער איינמאל ער קומט שוין צו, און ער הייבט אן טועם צו זיין די טעם פון קדושה און יראת ה', דעמאלטס ווערט עס לרצונו, טוט ער עס מיטן גאנצן רצון. - ווען א בר מצוה בחור גייט אריין לעול המצות, איז שווער מקבל צו זיין אויף זיך עול תורה. עס איז נישט אזוי גרינג צו נעמען אויף זיך, זיך אפצוזונדערן פון די גאנצע וועלט און זיך אריינווארפען אין תורה. ביי מתן תורה האט דער אייבערשטער געזאגט, מכאן ואילך יערב לכם, שכל התחלות קשות (רש"י שמות יט-ה), די התחלה איז קשה, עס דארף זיין כופין אותו, אבער איינמאל ער איז אדורכגעגאנגען די התחלה, מכאן ואילך יערב לכם, עס ווערט א עריבות, עס ווערט א זיסקייט אז מען קומט שוין צו, צו תורה.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **חיים יחזקאל עפשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדיים.

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הר"ר **יעקב ראכליץ** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת ויקרא***

בשעות הערב הסיב **רבינו שליט"א** לסעודת מצוה יחד עם בני המשפחה, בעת מלאת לו שבעים שנה לאויוש"ט (ראה **בשו"ת חוות יאיר** סימן ע', והובא **בפרי מגדים** הל' פסח סימן תמ"ד משב"ז סק"ט).

בתוך הסעודה הכניסו **לרבינו שליט"א** בגד חדש, וגם טס פירות שהחיינו, ואחר שלבש הבגד בירך **רבינו שליט"א** ברגש ברכת שהחיינו בשם ומלכות, לצאת שיטות הפוסקים לברך ברכת שהחיינו כשמגיעים לשנת שבעים שנה[א]. אחר כך נשא **רבינו שליט"א** מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**דוד** המלך זאגט אין תהלים (ב-ז) אספרה אל חוק, איך וועל פארציילען א געזעץ, ה' אמר אלי, דער אייבערשטער זאגט צו מיר, בני אתה, דו ביסט מיין קינד, אני היום ילדתיך, היינט האב איך דיך געבוירן, שאל ממני ואתנה, גוים נחלתך. די וועלט זאגט נאך פון צדיקים, אז א יום הולדת האט אין זיך א כח אז מען קען מתפלל זיין. אני היום ילדתיך, שאל ממני ואתנה, א רמז אז עס איז א זמן וואס מען קען מתפלל זיין, און בעטן פונעם אייבערשטען אויף ווייטער.

**עס** האט אויך א מקור אין די גמרא. די גמרא (מגילה יג:) זאגט, אז המן האט זיך געפריידט אז עס איז אים געפאלען די פור אין חודש אדר, און ער האט געזאגט, נפל לי פור בירח שמת בו משה. ער האט אבער נישט געוואוסט, אז בז' אדר מת משה, ובז' אדר נולד משה, און דער יום הלידה איז העכער פונעם אנדערן יום. זעהט מען, אז די יום הלידה איז א גוטע מזל פאר יודען, עס האט אין זיך א ענין.

**איך** האב געטראכט, אז די גמרא (עירובין יג:) זאגט, נוח לו לאדם שלא נברא משנברא, עס איז בעסער פאר א מענטש ווען ער וואלט אינגאנצן נישט געבוירן, אבער עכשיו שנברא יפשפש במעשיו, אויב ער איז שוין יא געבוירן, דארף ער זעהן אז ער זאל נישט פארפאסן וואס ער קען אויפטון. אויב עס איז נוח לו שלא נברא, און דער אייבערשטער האט ליב יודען, מיר זענען קינדער פונעם רבונו של עולם, א טאטע טוט פאר א קינד א זאך וואס איז נישט נוח לו? ווי אזוי גייען די צוויי זאכן צוזאמען? בנים אתם לה' אלקיכם (דברים יד-א), מיר זענען קינדער פונעם אייבערשטען, און א טאטע האט ליב א קינד, און דא זאגט מען אז עס איז נוח לו לאדם שלא נברא משנברא.

**זאגט** דוד המלך, אספרה אל חוק, איך קוק עס אן ווי א חוק, א זאך בלי טעם. ה' אמר אלי, דער אייבערשטער זאגט מיר, בני אתה, דו ביסט מיין קינד, איז דאך טייטש אז עס איז דא א אהבה צווישן א טאטע מיט א קינד. און אני היום ילדתיך? וואס איז די גאנצע לידה, עס איז דאך נוח לו שלא נברא משנברא. די גאנצע עצם לידה, דער אני היום ילדתך, איז א סתירה מיט ה' אמר אלי בני אתה. איז אספרה אל חוק, עס איז א זאך וואס איך פארשטיי נישט, עס איז ביי מיר א חוק אז איך זאל עס קענען פארשטיין.

**תוספות** (עירובין יג:) זאגט אבער, אז אפילו עס איז נוח לו לאדם שלא נברא, דאס איז ביי

---

[א] עיין **בשו"ת חוות יאיר** (סימן ע), **ובשולחן הטהור להרה"ק מקאמארנא זי"ע** (סימן רכג סעיף ז). ובספר **משנת יעקב** (ח"ב סימן רכה) שכן נהג הגאון **בעל חפץ חיים זצ"ל** שבירך ברכת שהחיינו בפני תלמידיו, הלא הם **הג"מ רבי אלחנן וואסערמאן זצ"ל והג"מ רבי יוסף כהנמן זצ"ל והרב מפוניב'ז**. ובספר **שיורי ברכה להחיד"א** (סימן רכג) כתוב לברך בלי שם ומלכות. ולכך יש שנהגו ללבוש בגד חדש לברכת שהחיינו. וכן נהג **הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל** בהגיעו לשנת השבעים שהסיב לסעודה ובירך שהחיינו על בגד חדש. ועיין עוד **בשו"ת תשובה מאהבה** (ח"ב סימן רלט).

געוועגליכע מענטשען. אבער א צדיק איז אשרי לו ואשרי דורו, ער איז גליקליך אז דער אייבערשטער האט אים באשאפן, און אשרי דורו, און זיין דור איז אויך גליקליך. איך האב שוין אמאל גערעדט דערפון (עיין בגליוננו פרשת אחרי קדושים תשע"ז), וואס האט תוספות צוגעגעבן אז אשרי דורו.

**די** גמרא (יומא לח:) זאגט, אז בזכות פון איין צדיק איז דא קיום העולם, וצדיק יסוד עולם (משלי י-כה), כל העולם לא נברא אלא לצוות לזה (ברכות ו:). דער אייבערשטער קען נישט באשאפן אויף דער וועלט איין מענטש, א צדיק, און ער זאל דארפן טון אלע זיינע צרכים. האט דער צדיק הונדערטער און טויזנטער מענטשען וואס טוען אים צושטעלן זיינע צרכים. דער צדיק דארף א בגד, ווער מאכט אים דער בגד, וויפיל הונדערטער מענטשען האבן געדארפט ארבעטן ביז מען האט געהאדעוועט די בהמות, ביז מען האט אראפגעשניטן די וואל, ביז מען האט געמאכט דערפון פאדים, און ביז מען האט עס געשפינט, און ביז מען האט עס נאכדעם אויפגענייט. מען דארף עסן, וויפיל מענטשען דארף מען פאר יעדע סעודה. וויפיל טויזנטער מענטשען דארפן צוגרייטן דאס עסן פאר אים. און פאר דעם צדיק איז דאך אשרי לו אז ער איז געבוירן, איז אשרי דורו, אלע ווערן נתעלה מיט די עבודה פונעם צדיק. און אז פארן צדיק איז אשרי, איז עס פאר יעדן איינעם.

**קומט** אויס, אז ווען א יוד איז זוכה, און ער ווערט אנגערופן א בן פארן אייבערשטען, דאס איז די העכסטע מדריגה וואס איז שייך ביי א צדיק, דעמאלטס איז כדאי דער אני היום ילדתיך, דעמאלטס איז נוח לו שנברא. - ה' אמר אלי בני אתה, ווען דער אייבערשטער זאגט פאר איינעם, אז דו ביסט בני, דעמאלטס איז אני היום ילדתיך, דעמאלטס איז א מעלה דער אני היום ילדתיך. אבער אויב מען קומט נישט צו צו די מדרגה פון בני, איז נישט דא קיין מעלה אין אני היום ילדתיך.

*

**די** גמרא (עירובין סה.) זאגט, כל המתיישב ביינו, יש בו דעת שבעים זקנים. די זקנים זענען שבעים, און יי"ן איז שבעים, ווען איינער טרינקט וויין, און ער ווערט נישט צווילדעוועט, ער ווערט נישט צומישט, ער איז מתיישב בדעתו, ער טרינקט כדי ער זאל זיך קענען אויפהייבן, און זיך מתיישב זיין, עס טוט אים נישט אראפפירן פונעם נארמאלן וועג, האט ער אין זיך דעם דעת פון די שבעים זקנים.

**עס** קען זיין, דאס לעבן פונעם מענטש לויפט אדורך, כצלו של עוף הפורח. אמאל איז עס נאר א מליצה, און אמאל דערלעבט מען עס צו זעהן. דאס לעבן גייט אדורך כצלו של עוף הפורח, עס קוקט אויס ווי א חלום אלעס וואס איז אדורכגעגאנגען ביז יעצט. און ווען מען קומט צו די יארן, דארף זיך א מענטש מתיישב זיין, ער דארף זיך שוין אנהייבן מתבונן צו זיין אינעם תכלית פונעם לעבן. אמאל איז דא וואס די יארן גייען אדורך, און אפילו דעמאלטס איז ער זיך אויך נישט מתיישב. יי"ן איז דאך שבעים, כל המתיישב ביינו, ווען ער קומט צו צו די יארן, הייבט ער אן צו ווערן געזעצט, און מען איז זיך מתיישב, און ער לעבט מיט ישוב הדעת, דעמאלטס איז יש בו מדעת שבעים זקנים. אויב דאס לעבן גייט אדורך נאך א יאר און נאך א יאר, און עס פעלט דאס מתיישב ביינו, אז עס זאל צוברענגען ישוב הדעת, איז דאס לעבן נאר א נאריש לעבן. ווען מען ווייסט אויסצונוצן דאס לעבן ווי עס דארף צו זיין, דעמאלטס איז יש בו מדעת שבעים זקנים.

**עס** שטייט אין די פוסקים, אז א טייל האלטן אז מען דארף מאכן א שהחיינו (הובא לעיל בהערה), מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען ווען מען קומט צו צו די יארן. דער אמת איז, אז א ערליכער יוד דארף דאנקען דעם אייבערשטען יעדן טאג עקסטער, נישט נאר ביי די זיבעציג, נאר אפילו ביי די זעכציג, און ביי די פופציג. מען שטייט אויף אינדערפרי, נאכדעם וואס בידך אפקיד רוחי, מען גיט איבער די נשמה פארן אייבערשטען יעדע נאכט, און מען שטייט אויף אינדערפרי, און מען איז געזונט, און מען לעבט, דארף מען יעדן צופרי

דאנקען דעם אייבערשטען אויף די נשמה שנתתי בי, אתה בראתה אתה יצרתה. די זיבעציג איז נישט אנדערש ווי די ניין און זעכציג, יעדן טאג דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען. נאר ביי די שבעים קומט צו א עקסטערע טובה וואס דער אייבערשטער האט געגעבן, ימי שנותינו בהם שבעים שנה (תהלים צ-י). אז מען דערלעבט געזונטערהייט אדורכצוגיין די יארן, איז עס א עקסטערע הודאה וואס א יוד דארף געבן פארן אייבערשטען.

**נכנס** יין יצא סוד (עירובין סה.), יי"ן און סו"ד זענען די זעלבע גימטריא. דאס איז זיבעציג און דאס איז זיבעציג. אמאל איז דא וואס א מענטש איז איינגעצויגן ביי זיך, ער רעדט ווייניג און ער פארציילט ווייניג, ווען מען קומט אויף די עלטער, דארף מען אנהייבן מער צו רעדן מיט די קינדער און די אייניקלעך. ווען עס איז נכנס יי"ן, ווען מען קומט צו די יארן, דארף זיין יצא סוד, זאכן וואס מען האט באהאלטן א גאנץ לעבן, מען איז שוין דאס איבערגעוואקסען, און מען דארף פארציילען פאר קינדער און אייניקלעך וואס דער תכלית פונעם לעבן איז, און וואס מען דארף אלץ אויפצוטון.

**זאל** דער אייבערשטער געבן ווייטער לאנגע געזונט יארן פאר אונז אלע, מיר זאלן קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, מען זאל קענען משלים זיין וואס מען דארף. די שמחה איז נישט, אז מען האט נאך א יאר וואס מען לעבט, און מען האט תענוגי עולם הזה, נאר אז מען קען נאך אויפטון אינעם לעבן. מתקן צו זיין וואס עס איז אדורך, און קענען אויפטון ווייטער. און אויף דעם דארף מען מתפלל זיין און בעטן פונעם אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל געבן געזונט און כח, קענען מתקן זיין וואס מען דארף, און קענען אויפטון וואס מען דארף אויפצוטון. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם געזונטערהייט זיך צוזאמצוקומען שטענדיג מתוך שמחה וטוב לבב, און אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום חמישי פרשת ויקרא***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת קודש פרשת ויקרא***

בשעות לפני הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי, והשתתף בהלויה של **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ זצ"ל**.

במשך הלויה עמד **רבינו שליט"א** ליד אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**, ודיברו בגדלות הנפטר זצ"ל שהיה משיירי כנסת הגדולה, ועוד זכה לחזות עבודתם בקודש של צדיקי קמאי שבדור הקדום.

עוד שוחחו במעלת הפטירה ביום ערב שב"ק, ועל מה שמבואר (**בשער הכוונות** שער הו' ענין ליל שישי ד"ה ומתחלה) שמי שנקבר בערב שבת אחר שעה ה' ניצל מחיבוט הקבר. ובענין מה שיש מקומות שנוהגים שאין הבנים מלוים את המטה, והחרם שנהגו מלפנים בזה.

*

***שבת קודש פרשת ויקרא***

בקריאת התורה התקיים שמחת העליה לתורה של החתן **עזריאל יהודא** נ"ו, בן הר"ר **יצחק אלעזר ווערצבערגער** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

# פרשת צו ב׳ – ח׳ ניסן תשע״ח לפ״ק

***יום ראשון פרשת צו***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט״א** לאפיית מצות לחג הפסח, בבית האופה דסאטמאר (בראדוועי). **רבינו שליט״א** נתן המים להקמח לשם מצות מצוה, והשגיח בכל תהליך האפיה שיהא משומר כדת וכדין.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** למאנסי, והשתתף אצל הקבלת פנים של בן הרה״ג **רבי שמואל אליעזר טייטלבוים שליט״א**, עב״ג בת הרה״ג **רבי אשר אדלער שליט״א** אב״ד סערעדנא, שהתקיים באולם עטרת חי׳ שרה.

אחר הקבלת פנים הלך **רבינו שליט״א** לניחום אבלים אצל בני **כ״ק האדמו״ר מוויזניץ זצ״ל**.

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו״ר מוויזניץ-מאנסי:** דער זיידע [**הגה״ק מסערדאהעלי זצוק״ל**] האט געדאווענט מנחה פארן עמוד ביים **בעלזער רב זי״ע** אין פעסט. ווען דער טאטע איז געווען דארט.

**רבינו:** דער טאטע פלעגט עס אסאך מאל נאכצוזאגן, אז דער זיידע האט אויסגעטרעטן אינמיטן שמונה עשרה[א].

**האדמו״ר מוויזניץ-מאנסי:** דער טאטע ז״ל פלעגט זאגן, אז אזוי זאגט מען...

**רבינו:** אנדערע האבן געזאגט, אז ער האט זיך נישט געשטעלט דאווענען די שטילע שמונה עשרה, ווייל ער האט געוואוסט אז דער **בעלזער רב** וועט שנעל אויסטרעטן, און ער איז געשטאנען און געווארט ביז דער **בעלזער רב** האט געענדיגט שמונה עשרה, און ער האט נאר געדאווענט די הויכע שמונה עשרה.

**האדמו״ר מוויזניץ-מאנסי:** דער **בעלזער רב** פלעגט זייער שנעל צו דאווענען, דער טאטע ז״ל האט מיר געזאגט, אלמלא לא ראיתי לא האמנתי. און ער האט אים נאכגעמאכט. וידבר, וידבר, תנו רבנן, רבי שמעון בן גמליאל אומר, אשרי, ממש אזוי. עס איז נישט צו פארשטיין.

**רבינו:** איך האב אמאל געהערט פון **מיין טאטע ז״ל**, אז ער איז געווען אין בעלזא אינדערהיים שלש עשרה מדות, און דער **בעלזער רב** איז אריינגעקומען צו שחרית זייער שפעט, און דער **בעלזער רב** האט דעמאלטס מקפיד געווען צו דאווענען פאר חצות, און ער איז אריינגעקומען צען צו צוועלף. און ער האט געקוקט אויפן זייגער אז עס איז שפעט, און ער האט אנגעטון די תפלין און ער האט זיך געשטעלט דאווענען. און מיין טאטע ז״ל האט מיר געזאגט, איך זאג דיר ווי אזוי איך האב עס געהערט ארויסזאגן פון זיין מויל, הללוי-ה, הללוי-ה, הללוי-ה, הללוי-ה, כל הנשמה תהלל י-ה הללוי-ה, אמר אויב ארדוף, אחד, ישתבח. אזוי ווי איך זאג עס דיר, אזוי האב איך עס געהערט פון אים.

**האדמו״ר מוויזניץ-קיימישע:** ער האט דעמאלטס מכבד געווען דעם טאטן מיט ברכת המזון, און ווען ער האט געהאלטן ביי הזן את הכל, איז דער **בעלזער רב** שוין געהאט געענדיגט. ער האט געוויזן דעמאלטס אז מען זאל אים לאזן צוענדיגען.

**האדמו״ר מוויזניץ-וומסב״ג:** איך בין אמאל געווען מיטן טאטן ביים רב אין שטוב אויף א באזוך. עס איז געווען פאר די התמנות [לאב״ד דקהלתנו הק׳]. איך געדענק אז דער טאטע האט דעמאלטס געזאגט, דער עולם ווארט שוין.

---

[א] **האדמו״ר מויזניץ זצוק״ל** סיפר כמה פעמים **לרבינו שליט״א** עובדא זו, שבעת שהותו בצל **הרה״ק מהר״א מבעלזא זי״ע** בשבת סליחות תש״ג לפ״ק, שהה שם **הגה״ק מסערדאהעלי זצ״ל** [יחד עם בניו זצ״ל וכמה מתלמידיו שנתלוו אתו]. ובתפלת מנחה בערב שבת קודש נתכבד להתפלל לפני התיבה. וסיפר האדמו״ר את מה ששמע אז מפי החסידים שבעת תפילת המנחה פסע **הרה״ק מבעלזא** לאחוריו עם סיומו את תפלת השמונה עשרה, בעוד **שהגה״ק מסערדאהעלי** עמד עדיין באמצע תפלתו בלחש, ומיד כאשר הבחין **הגה״ק מסערדאהעלי** בכך, פסע לאחוריו באמצע תפילתו והתחיל מיד בחזרת הש״ץ. ושמע שם שביאר אחר כך את הדבר להחסידים שעשה כך על פי המבואר במשנה (ברכות ה-א) שאפילו נחש כרוך על עקבו לא יפסיק, ובגמרא (שם לג.) אמר רב ששת לא שנו אלא נחש, אבל עקרב פוסק, והרי אמרו חז״ל (אבות ב-י) והוי זהיר בגחלתן שלא תכוה, שנשיכתן נשיכת שועל, ׳ועקיצתן עקיצת עקרב׳, ועל כן הפסיק לכבודו של **הרה״ק מבעלזא** אף באמצע תפילתו ע״כ.

**רבינו:** ער האט מיר שטארק צוגערעדט (לקבל כתר ההנהגה בקהלתנו הק'), ווען איך געווען ביי אים פאר דעם.

**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** ער האט גוט געראטן...?

**רבינו:** אז מען וויל פון הימל, איז נישט קיין נפקא מינה...

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** ער האט געזאגט דעמאלטס, וואס מען האט געזאגט פאר יהושע, שיוכל להלך כנגד רוח של כל אחד ואחד. עס איז נישט פון די גרינגע זאכן.

**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** דער רב פלעגט קומען צום טיש אין וויליאמסבורג.

**רבינו:** איך האב נישט פארפאסט א טיש ביים טאטן, ווען ער איז געווען אין וויליאמסבורג. אפילו נאך בעפאר ער איז געווארן רבי.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** איינער האט מיר פארציילט א מעשה לעצטענס, אז מיין טאטע איז געווען ביי אים סנדק, און דער **סאמבאטהעלער רב** איז געווען דער מוהל. און פאר די בר מצוה איז ער געקומען מיט זיין יונגעל צום טאטן. פרעגט אים דער טאטע, ווען לייגסטו תפלין. זאגט ער, ערב פסח. זאגט אים דער טאטע, כמדומה לי אז ער איז געבוירן א טאג פאר ערב פסח, ווייל דער **סאמבאטהעלער רב** איז געווען מוהל, און ער איז געקומען צו פארן פון וויליאמסבורג, אויב ער איז געבוירן ערב פסח, וואלט דער ברית געדארפט צו זיין שביעי של פסח. עפעס שטימט נישט. האט ער זיך געכאפט, אז דאס קינד איז טאקע געבוירן א טאג פאר ערב פסח.

**רבינו:** ער האט אזוי געדענקט פון דרייצן יאר צוריק?

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** עס איז נישט געווען דעמאלטס אזויפיל ברית'ן, און נאכדערצו אז דער **סאמבאטהעלער רב** זאל זיין מוהל.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** דער טאקע האט שטארק געוואלט אז מען זאל אים געבן סנדקאות. דער יונגערמאן האט מיר אויך פארציילט, אז דער טאטע האט אים געפרעגט פאר וועם ער גיט סנדקאות. האט ער געזאגט, פאר **סאטמארער רב.** פרעגט אים מיין טאטע, פארוואס. האט ער געזאגט, ווייל דער **סאטמארער רב** קומט ארויף אין שטוב נאכן ברית, זאגן מזל טוב פאר די יולדות. האט אים דער טאטע געזאגט, אי משום הא, וועל איך אויך ארויפגיין זאגן מזל טוב פאר די יולדות.

**רבינו:** ער פלעגט צו גיין נאכדעם אויך?

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** ניין. אויף סנדקאות האט ער נישט מוותר געווען.

**האדמו"ר מוויזניץ-קיימישע:** דער **אהבת ישראל** פלעגט אויך פארהאלטן, פארוואס מען גיט אים נישט קיין סנדקאות.

**רבינו:** מען זאגט נאך אויפן **בעלזער רב, רבי ישכר דוב זי"ע,** אז עס איז געווען א שטעטל וואס מען איז זיך געקומען אפרעדן אז די פרנסה איז שוואך דארט. האט דער **בעלזער רב** געזאגט, אז מען זאל אנהייבן מכבד צו זיין דעם רב מיט סנדקאות. ווייל אזוי ווי סנדקאות איז א סגולה פאר עשירות, ווי אזוי קען א רב ווערן א עושר, אז ער האט רייכע בעלי בתים, דעמאלטס קען ער ווערן א עושר. ממילא איז עס א סגולה אז די שטאט זאל האבן פרנסה.

*

*__יום שני פרשת צו__*

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לאפיית מצות שעל ידי קהלתנו הק'.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **שמואל דוד ליכטמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מנשה כהנא** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

*__יום שלישי פרשת צו__*

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **ישעי' בויער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן ש"ב הרה"ג רבי **משה פרץ שווארץ** שליט"א רב דביהמ"ד קול אריה (לעיקוואד), עב"ג

בת ש"ב הרב **ישראל יוסף הורוויץ** שליט"א, שהתקיים באולם פאפא קידוש זאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת צו***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **ישעי' קיש הי"ו**. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** לייגט אין די טעג די פרשה פון חנוכת המזבח, יעדן טאג האט מקריב געווען א אנדערער נשיא די קרבן פון חנוכת המזבח. יעדער איינער האט מקריב געווען די זעלבע קרבן, און די תורה איז מאריך און רעכנט אויס ביי יעדן שבט עקסטער, אלע קרבנות וואס ער האט געברענגט. די פרשה האט כמעט ניינציג פסוקים. אין די תורה איז יעדע זאך אויסגערעכנט, פארוואס איז די תורה מאריך נאכאמאל און נאכאמאל די זעלבע קרבן. די תורה וואלט געדארפט שרייבן, אז דער ערשטער נשיא האט מקריב געווען דעם און דעם קרבן, וכן הקריבו כל הנשיאים, האט מען דאך אלעס כולל געווען דערין, און מען וואלט נישט געדארפט איבערחזר'ן ביי יעדע נשיא וואס ער האט מקריב געווען.

**אין** מדרש (במדב"ר יג) שטייט, אז יעדער נשיא האט א אנדערען שורש אויבן אין הימל, און יעדער האט מקריב געווען מיט א אנדערע כוונה. אין פרשת נשא איז דא דער לענגסטער מדרש רבה. דער מדרש רעכנט אויס אויף יעדן שבט וואס ער האט מכוון געווען בשעת ער האט געברענגט זיין קרבן. יעדער האט געדארפט האבן א השפעה אויף א צווייטע זאך, וואס שבט ראובן האט, דארף נישט שבט שמעון, און וואס שמעון האט, דארף נישט ראובן. ווען מען קוקט אין גשמיות, אין מעשה וואס זיי האבן מקריב געווען, איז אלעס אייניג. ווען מען רעכנט אבער וואס עס איז געווען במחשבה, איז נישט דומה איינס צום צווייטען. ראובן'ס מחשבה ביים קרבן איז געווען עפעס אנדערש, און שמעון'ס מחשבה איז געווען אנדערש. און אזוי ווי רחמנא לבא בעי (רש"י סנהדרין קו:), ביי דעם אייבערשטען איז די עיקר די מחשבה פון א יוד, ער דארף עס נאר ארויסברענגען למעשה, האט די תורה נישט געקענט שרייבן אז שמעון האט מקריב געווען די זעלבע פון ראובן, און לוי האט מקריב געווען די זעלבע ווי שמעון, ווייל זיי האבן נישט מקריב געווען די זעלבע. בפועל איז עס טאקע געווען די זעלבע קרבנות, אבער ווען מען קוקט אויף די הארץ, איז געווען די כוונה פון ראובן עפעס אנדערש, און די כוונה פון שמעון עפעס אנדערש. האט די תורה מאריך געווען ביי יעדען שבט עקסטער, וואס ער האט געברענגט, צו ווייזען אז דער קרבן פון איינעם, איז נישט די זעלבע ווי דער קרבן פונעם צווייטען. יהודא האט אינזין געהאט מלכות, יששכר האט אינזין געהאט תורה, און זבולון איז דער מחזיק תורה. יעדער האט געהאט זיין ענין וואס ער האט אראפגעברענגט זיין השפעה מיט דעם קרבן.

**דעם** צווייטען טאג האט מקריב געווען שבט יששכר. ביום השני הקריב נתנאל בן צוער נשיא יששכר, הקריב את קרבנו קערת כסף אחת שלשים ומאה משקלה (במדבר ז-יח). אויף הקריב את קרבנו איז דא א קדמא ואזלא, און אויף קערת כסף אחת, איז דא א מונח רביעי, און אויף שלשים ומאה משקלה, איז דא א מונח זרקא סגול. יעדע טעם אין די תורה האט א ענין וואס עס ליגט דערין.

**יששכר** איז געווען דער פינפטער שבט, ווען מען רעכנט די שבטים, ראובן שמעון לוי יהודא יששכר, און מקריב געווען האט ער דער צווייטער. און די שבטים האבן געהאט א טענה דערויף, פארוואס גיט מען פאר יששכר מקריב צו זיין די צווייטע. רש"י (במדבר ז-יט) ברענגט צו, אז דער אייבערשטער האט געהייסען, אז יששכר זאל זיין קודם, ווייל יששכר איז געווען דער עמוד התורה, און דער אייבערשטער האט געוואלט אנהייבן מיטן עמוד התורה, ער זאל זיין דער

צווייטער. יהודא איז מלכות, דער מלך קומט קודם, אבער נאכדעם קומט יששכר. קומט אויס, אז פאר יששכר איז דא פיר שבטים, ראובן שמעון לוי יהודא. און יששכר איז געשפרינגען און ער האט מקריב געווען דער צווייטער.

**אויף** הקריב את קרבנו, איז דא א קדמא ואזלא, צו ווייזען אז ער האט זיך מקדים געווען. זיין סדר איז געווען צו זיין דער פינפטער לויט די סדר השבטים, און ער האט מקדים געווען. מונח רביעי, עס איז דא פיר שבטים וואס ליגן פאר אים, ראובן שמעון לוי יהודא, און נאכדעם קומט יששכר. זרקא מונח סגול, סגול איז דריי, ער האט איבערגעהיפט דריי, ער איז געקומען אויף שמעון'ס פלאץ, ער האט איבערגעהיפט ראובן שמעון לוי. דער אייבערשטער האט אים מקדים געווען פון די פריערדיגע שבטים ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען די חשיבות פון שבט יששכר, אז דארט ווי עס איז דא תורה, קומט פריער.

*

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** בהלויה של מרת מענצער ע"ה (אלמנת הרה"ח רבי מרדכי אהרן חיים מענצער ע"ה), שהתקיים לפני בית המדרש פאפא.

בשעות הערב שימש **רבינו שליט"א** בסידור קידושין אצל החופה של החתן **עזריאל יהודא** נ"ו, בן הר"ר **יצחק אלעזר ווערצבערגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה דוד פערל** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה, ורקד עם החתן לפני הכלה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. [בסעודת החתונה נתחלק הספר החדש 'שמן ראש' על ל"ג בעומר – שבועות (חלק ב'), נדבת לבו של המחותן הר"ר **יצחק אלעזר ווערצבערגער** הי"ו].

*

***<u>יום חמישי פרשת צו</u>***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מענצער שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יואל** (בן הר"ר **יעקב** הי"ו) **ווערצבערגער** הי"ו.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל התנאים של בת הר"ר **אביגדור בלומענפעלד** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **בערל פישער** הי"ו, שהתקיים באולם בעלזא. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***<u>ערב שבת קודש פרשת צו</u>***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **יואל טויב** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש ברך משה דסאטמאר (סקילמאן). ואצל הברית של בן הר"ר **יחזקאל ערפס** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש תורת חיים וויזניץ. אחר הברית נכנס **רבינו שליט"א** לחדרו של **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג שליט"א**.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** איך זאג אסאך מאל איבער דאס ווארט וואס דער רב זאגט, פארוואס מען טוט אן א קיטל פסח ביינאכט. איך מיין אז איר זאגט עס נאך פון אייער טאטן ז"ל.

**רבינו: מיין טאטע ז"ל פלעגט עס אסאך מאל נאכצוזאגן פונעם חתן סופר**[ב].

---

ב **בשמן ראש** (על חג הפסח ח"א דף רטז) כתב **רבינו שליט"א**: **אבא מארי זצללה"ה** היה רגיל לומר בליל פסח בתחלת הסדר, בשם **החתן סופר**, בטעם שלובשין קיטל בלילה זו. כי באמת עיקר אושר האדם בעולם הזה המה בניו, כאשר מתגדלים ליראים ושלמים, אין תענוג יותר גדול מזה לאבותיהם. וכמו כן בהיפוך ח"ו, לא יתכן צער יותר גדול מזה. אבל עוד יותר מזה הוא, כאשר בא העת לעזוב את העולם הזה, ואין מלוין לו לאדם לא כסף וזהב ולא אבנים טובים ומרגליות, אינו נושא עמו מאומה מכל כספו ורכושו. ובמתים חפשי, כיון שמת נעשה גם חפשי ממצות ומעשים טובים (שבת ל.). ולא נשאר לו מאומה רק הבנים, אשר ברא מזכה אבא, יעקב אשר פדה את אברהם, ואז עומד ומצפה על המצות ומעשים טובים שבניו עושים בהאי עלמא, אשר רק בכח זה יוכל להתעלות, ורק המה יצילו אותו מדינה של גיהנם. - ולכן בליל זה אשר עבודת האב הוא להמשיך אמונת אלקי עולם בתוך בני ביתו, הוא לובש בגד של מתים, כדי

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** צו דערמאנענן דעם מענטש, אז לאחר מאה ועשרים שנה ווען מען גייט מיט א קיטל, בלייבט נאר איבער די קינדער, און יעצט איז א זמן פונעם סדר וואס מען איז מחנך די קינדער, דארף מען געדענקן אז דאס וועט בלייבן.

עס איז דא א לשון אין **דגל מחנה אפרים** (פ' יתרו) וישמע יתרו, זאגט ער, אז 'וישמע' איז א לשון פון הבנה, א מענטש דארף פארשטיין, 'יתרו', וואס עס בלייבט פון אים איבער, ווען ער גייט אוועק פון די וועלט. ברענגט ער דארט דעם לשון, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב (אבות ו-ט), אלא מה שמסגל בתורה, ורואה להדריך בניו בדרך הטוב והישר לפני אלקים, זה ישאר לו מכל עמלו, וראוי לו להשגיח תמיד, ולשום רעיוניו על זה.

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** פלעגט צו זאגן, אז ביי א ברית וואונטשט מען אן פארן קינד, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. תורה הייבט זיך דאך אן משעה שיכול לדבר (סוכה מב.). מעשים טובים, איז דאך ביי די בר מצוה. וואלט מען דאך געדארפט קודם וואונטשען אויף מעשים טובים און נאכדעם חופה. פארוואס זאגט מען לתורה ולחופה און נאכדעם ולמעשים טובים. האט ער געזאגט, אז די גמרא (שבת לב:) זאגט, וחבל את 'מעשה ידך' (קהלת ה-ה), גייט ארויף אויף בניו של אדם. קומט אויס, אז נאך די חופה דארף מען האט גוטע קינדער, וואס דאס איז מעשים טובים, מעשה ידיך זענען דאך די קינדער. וואונטשט מען קודם אן תורה, אין תורה איז אלעס נכלל. און נאכדעם וואונטשט מען לחופה ולמעשים טובים, אז מען זאל שפעטער האבן גוטע קינדער. - די משנה (אבות ו-ט) זאגט, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב אלא תורה 'ומעשים טובים' בלבד, די גוטע קינדער דאס זענען מלוה דעם מענטש.

*

---

שיתן אל לבו רגעא חדא, מה יהא כאשר ילבישו אותו בגד זה, שרק הבנים הללו הסמוכים על שלחנו כעת, המה יזכו אותו אם יהיו יראי ה', ולכן יתאזר כגבור להאריך בסיפור יציאת מצרים, לנטוע בתוכם שיש בורא ומנהיג לעולם ומשגיח בתחתונים, ובזה יהיה לו טוב לעולם ודפח"ת.

**רבינו:** איך וויל וואונטשען מזל טוב צום התמנות. דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה אז מען זאל קענען פירן די עדה מיט בריאות השלימות מיט הרחבת הדעת, און אלעס זאל גרינג אנקומען.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** לאמיר האפן אז עס זאל ארויסקומען א כבוד שמים.

**רבינו:** עס וועט זיכער ארויסקומען.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** דעם טאטנס לעבן איז נאר געווען כבוד שמים. אויף זיין כבוד האט ער נישט געקוקט, ער האט מוותר געווען אויף זיין כבוד, פאר כבוד שמים.

**רבינו:** די גמרא (ירושלמי ביכורים ג-ג) זאגט, אז העולה לגדולה מוחלין לו כל עונותיו [דא דארף מען נישט קיין סאך מוחל זיין...]. פארוואס קומט זיך אזוי, אז ווען מען איז עולה לגדולה איז מען מוחל אויף אלע עונות. ווייל ווען מען איז עולה לגדולה דארף דאך זיין נהוג נשיאתך ברמה (כתובות קג:). אויב א מענטש וועט צוריקקוקן אויף זיינע מעשים, האט ער נישט דעם מוט אז ער זאל קענען פירן. טוט דער אייבערשטער אלעס מוחל זיין, מען הייבט אן יעצט אזוי ווי א קטן שנולד, גיט עס חיזוק אז מען זאל קענער פירן.

דער טאטע (האדמו"ר מויזניץ זצ"ל) האט איבערגעלאזט א שיינעם דור פון חסידישע יונגעלייט. איך קום דאך אויף אסאך פלעצער, און עס איז דא ווייניג וואו מען טרעפט תלמידי חכמים, ערליך, יראים ושלמים. עס איז היינט געווארן א דור פון מבקשי ה', מען זוכט, מען איז צמאים לדבר ה', און יעדער וואס קען עפעס צוהעלפן דערצו, איז א מצוה רבה, עס איז כמים קרים על נפש עיפה. דער אייבערשטער העלפט, דער באשעפער גיט די כוחות.

אמאל איז דא, אם קטן אתה בעיניך, מען דארף אבער וויסן אז ראש שבטי ישראל אתה (שמואל א טו-יז), מען דארף געדענקען, אז מען האט א התמנות פארן ציבור, פארן כלל ישראל.

וויל איך נאר אזויפיל אנוואונטשען, דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה אז עס זאל גרינג אנקומען, אן עגמת נפש און שברון לב, קענען דינען דעם אייבערשטען און מרביץ תורה זיין מיט נחת און הרחבת הדעת.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** אמן.

**רבינו:** איך דארף אויך א ברכה.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל מצליח זיין, מרבה זיין תורה און יראת שמים, מיט חסידות און מדות טובות אינעם עולם. - אייערע דברי תורה גייען ארום אין די גאנצע וועלט.

**רבינו:** דער באשעפער זאל העלפן ווייטער אויך אי"ה.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** מען קען נישט וויסן וויפיל מען טוט אויף, מען זאגט דא א דבר תורה, א דרשה, און דאס קען גיין זייער ווייט, אזוי ווי די גמרא (פסחים ג:) זאגט, את בנציבין ומצודתך פרוסה בירושלים.

**רבינו:** דער באשעפער זאל העלפן אי"ה. עס האט מיר א יוד אמאל געזאגט, אז א דרשה וואס מען זאגט, קוקט מען אלץ וואס פאר א עולם מען האט, און מען מיינט אז מען רעדט צו דעם עולם. די דיבורים גייען אסאך מער ווי דער קרייז צו וועם מען רעדט. מען רעדט נישט צו דעם עולם, חברך חברא אית ליה (כתובות קט:), יעדער יוד זאגט נאך פארן צווייטען א געדאנק וואס האט אים געכאפט.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** איין ווארט וואס מען זאגט אפילו פאר א יחיד, קען בלייבען איינגעבאקען אויפן גאנצן לעבן.

**רבינו:** עס איז נישט נאר דער יחיד אליין, דער יחיד האט אסאך יחידים נאכדעם אונטער זיך. דער באשפער זאל העלפן ווייטער אויך מיט גרויס הצלחה.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** דער זכות פון טאטן זאל מגין זיין און צוהעלפן.

איך וויל דערציילן א מעשה פון סנדקאות פון מיין טאטן ז"ל. א יוד האט מיר פארציילט, אז עס איז געווען א חסידישער יונגערמאן, וואס זיין טאטע איז געווען א יעקישער יוד, און ער האט געהאט א יונגעל, האט ער געזאגט פאר זיין טאטן, אז ער איז אים מכבד מיט סנדקאות, אבער מיט איין תנאי, אז ער זאל גיין אין מקוה פארן ברית. האט אים זיין טאטע געזאגט, ניין, איך גיי נישט אין מקוה. איז ער געווען אין א צווייפל וואס ער זאל טון. האט ער געשיקט א שליח פרעגן דעם טאטן וואס צו טון. האט אים דער טאטע געזאגט, אז כיבוד אב קומט פאר אלעם.

**רבינו:** כיבוד אב איז אויך מטהר...

דאס מיינט די פיפטע שלחן ערוך.

**א' מהנוכחים:** מען דערציילט, אז עס איז געווען א יוד וואס האט געהאט א הוה אמינא צו געבן סנדקאות פאר **רבי משה פיינשטיין זצ"ל**, און עס האט זיך נישט אויסגעארבעט, ער האט געדארפט אוועקפארן, האט ער דערציילט פארן **קאפישניצער רבי זצ"ל**, אז ער האט געהאט א הוה אמינא צו געבן סנדקאות פאר רבי משה פיינשטיין און עס האט זיך נישט אויסגעארבעט, איז ער מכבד דעם **קאפישניצער רבי** מיט סנדקאות. דער **קאפישניצער רבי** איז שוין געווען אויף די עלטערע יארן, האט ער אים געזאגט, אז עס איז מיר שוין שווער צו גיין היינט אין מקוה, האב איך נישט געוואלט אננעמען דעם סנדקאות, אבער אזוי ווי דו האסט דאך ממילא געוואלט געבן סנדקאות פאר **רבי משה פיינשטיין**, און ער גייט דאך נישט אין מקוה, ממילא וועל איך שוין אויך גוט זיין...

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** נאך א מעשה האט מיר דער יוד פארציילט, אז איינער האט מכבד געווען זיין טאטע מיט סנדקאות, און ווען ער האט געהאט נאך א קינד, האט ער געקלערט נאכאמאל מכבד צו זיין זיין טאטע מיט סנדקאות. און עס שטייט אין **שלחן ערוך** (יו"ד רסה-יא) אז מען זאל נישט מכבד זיין דעם זעלבן מענטש צוויי מאל מיט סנדקאות. האט ער גערופן פרעגן דעם טאטן, צו ער קען נאכאמאל מכבד זיין, זיין טאטע מיט סנדקאות. האט אים דער טאטע געזאגט, אויב פאר א רבי גיט מען צוויי מאל סנדקאות, מעג מען פאר א טאטע אויך געבן.

**רבינו:** דאס איז שוין א חידוש. ווייל דער טעם פארוואס מען גיט נישט צוויי מאל איז, ווייל א ברית מילה איז אזוי ווי מען איז מקטיר קטורת, און ביי הקרבת הקטורת שטייט (יומא כו.) חדשים לקטורת, אז איין כהן האט נישט מקטיר געווען צוויי מאל. אבער אויף א רב שטייט אין **חתם סופר** (או"ח סימן קנח), אז ער איז אזוי ווי א כהן גדול וואס איז מקריב בראש (יומא יד.), ווען ער האט געוואלט האט ער געקענט מקטיר זיין. איז ממילא קען מען פאר א רב אויך געבן צוויי מאל סנדקאות.

**האדמו"ר מוויזניץ ליוה את רבינו שליט"א בדרך צאתו, ונפרדו לשלום**

***שבת קודש פרשת צו***

בליל שבת קודש השתתף **רבינו שליט"א** אצל עריכת השלחן של **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג שליט"א.**

ביום השבת לפני קריאת התורה דרש **רבינו שליט"א** בהלכות החג, ביעור ושריפת חמץ, וכמה מדיני ליל הסדר.

בשעות אחר הצהרים דרש **רבינו שליט"א** דרשת שבת הגדול בסוגיא דאוכל חמץ של הקדש במועד (פסחים כט.), והמשיך בדברי הכנה והתעוררות בגודל קדושת חג הפסח, חג האמונה, אשר דיבורי האמונה בחג הזה משאיר רושם מיוחד בלב הבנים. ואין בריבוי הסיפור והדיבורים משום בטול תורה, אדרבה הרי הם קיום התורה ומצותיה לדורות עולם. וכמה גדול הנחת רוח למעלה, אשר בתקופה שטומאה עצומה שוררת בהעולם, בכל התועבות שבעולם שנפשן של אדם חומדתן, והרבה מבני הנעורים נופלים לבאר שחת למחצה ולשליש ולרביע, ומסתובבים בקושיות שונות שאין להעלות על הפה, כדי שיוכלו ללכת אחרי שרירות לבם. ובאותו זמן יושבים ישראל קדושים בליל פסח, והם חוזרים ומשננים לעצמם ולבניהם אחריהם אמונת אלקי עולם אשר ראו בעיני בשר אבותינו במצרים. ושרויים בהרהורי האמונה שעות על שעות, אומרים לבניהם די לנו מה שקבלנו מאבותינו, אין אנו רוצים לחקור ולהשיג ולהבין מעצמינו, די לנו במה שקבלנו מאבותינו, הם היו חכמים יותר גדולים מהמשכילים שלנו. ראשונים כמלאכים ואנו כחמורים (שבת קיב.), ואיך ישיג חמור מה שהשיגו כבר מלאכים.

בהמשך הדרשה דיבר **רבינו שליט"א** ביסודות חינוך הבנים באהבה ורוך, ובמיוחד בשבתות ומועדי השנה, ולהשתעשע עמהם, כי כאשר האהבה היא עזה, ההשפעה מרובה יותר, והדיבורים נכנסים יותר אל הלב, ולא יוכל שום רוח לנתק את הבנים מאבותיהם ובתיהם. ומי שרוצה שיהא ביתו מיוסדת על יסודת חזקות, יש לו לכבות הטלפון על אותה שעה שהיא נמצא ביחד עם אשתו ובני ביתו.

ועיקר פעולת החינוך בהבנים, הוא לא ריבוי הדיבורים שעומד ומצווה, לך ללמוד, תתפלל בנחת ובכוונה, אלא מה ששוחח ביושבו יחד עמהם, מאהבת תורה. ולהעלות על הנס החשיבות של מדות טובות, ובסיפורים מגאונים וצדיקים איך התנהגו לשם ולתפארת. וריבוי המים של תורה המטפטף על לבם, יעשו רושם רב על דרך חינוכם.

במיוחד האריך **רבינו שליט"א** בדרשתו במעלת ונחיצות ענני יהדות (יודישקייט ענינים), שאין בהם איסורי דאורייתא, ואפילו איסור דרבנן, אבל הם עמודי היהדות, אשר רק בקיומם נוכל לעמוד שלא נסטה מדרכי התורה. וכאשר האדם פורץ בהם פתח קטן כחודו של מחט, נפרץ ביהדותו פתח פתוח כפתחו של אולם. והם דברים שמשתנים לפעמים מדור לדור, לפי המצב והמדינה שהוא נמצא בו.

**רבינו שליט"א** פירט בזה כמה דוגמאות, ולתועלת הענין נצטט הדברים כבתבם: הנה אין שום חיוב, באיזה מדינה ובאיזה עיר, יש ליהודי לגור, ויתכן להיות יהודי כשר בכל העולם כולו. אבל אנו יודעים כי הרבה חברותא עושה (סוטה ז). ואינו דומה הנהגת האדם, ומכל שכן הנהגת ביתו, כאשר הוא דר בשכונה יהודית מובהקת, או בסתם שכונה יהודית, או שכונה בין הגויים. והראיה כי כאשר האדם מתחיל להתמוטט ביהדותו, הדבר הראשון שהוא עושה, הוא לצאת לדור בשכונה שיהדותם רפוי יותר.

הענין של חתימת זקן, אשר בדורות הקודמות היה שונה בזה, אזל בזמנינו, מי שאינו הולך בחתימת זקן, הוא מגדל סוג בית אחר ביהודותו, מאותן בתים שהולכים בחתימת זקן. - המלבושים שלובש, יש לבוש חסידי, ויש לבושים אחרים. יש כובע של שטריימל, ויש כובעים אחרים ממינים שונים. אם כי אין בלבישתם שום איסור קל, מכל מקום הרי זה נותן חותם על הבית, אשר אין ראי זה כראי זה. והמשנה דבר קטן בלבושו לסוג פחות ומודרני יותר, הוא משנה בזה כל חינוך ביתו, שיהיו מגודלים באופן אחר. באיזה סביבה יתגורר ובאיזה סוג בית המדרש יתפלל, ובאיזה מוסדות ילמדו בניו, ואיזה סוג שידוכים הם יעשו.

וכמו כן הלשון שמדברים בבית. בית שמדברים בו יודיש, הוא סוג בית אחר מבית שמדברים בו

ענגליש, ואין בו אותו חן היהודי שהיה בבית אבותינו.

המלבושים של הנשים, השייטלין והכובעים שמכסים הראש. לא נדבר כעת מההלכה שיש בזה, וכידוע ששייטלין הארוכות יותר מהצואר, אסרוה כל הרבנים כולם בקול קורא, והן נחתמים מגדולי הרבנים, הן האשכנזים והספרדים החסידים והליטאים. אך נניח שלא היה בהם איסור כלל, אבל אשה ההולכת כך, היא משנה בזה את כל צביון ביתה. ואינו דומה בית שהולכים בכיסוי כובע או לא, ובאיזה סוג שייטל שהולכין.

כלים הטעכנולוגיים, האינטערנעט והסמארטפון, גם כאשר יהיה עליהם פילטער הטוב ביותר, מכל מקום עצם השתמשותו עמהם ברבים שלא לצורך פרנסתו, מעמיד את האדם בסוג אחר, גם בין חביריו וסביבתו. ומעמיד חותם על ביתו, אצלינו לא איכפת לנו הנהגות היראים, אנחנו עושים מה שנוח לנו יותר. - והיינו כי ישנם דברים חיצוניים, אשר שינוי קטן בדברים אלו, משנה את צביון ודמות כל הבית, ועושה רושם עמוקה על חינוך הבנים והבנות.

**רבינו שליט"א** המשיך בהנוגע לענינינו חג הפסח הממשמש ובא: כל בית ובית יש לה חומרות שונות מקובלות מאבותיהם, הן באופן נקיון הבית מהחמץ, והן בסוגי המאכלים של פסח. חוץ ממה שיש בזה משום אל תטוש תורת אמך (משלי א-ח), הרי זה משאיר חן מיוחד של קדושה על החג בבית, ועושה רושם על כל בני הבית.

זכרתי ימים מקדם כאשר הייתי ילד, ראיתי בבית **אבא מארי זצ"ל**, שהמצות של פסח, היו הולכים לקצור החטים בימי הקיץ, ושוב דשין וזורין אותן בבית. וקודם הפסח היו טוחנין בבית ברחיים של יד, ואחר כך היו הולכין לאפותו בהמצה בעקעריי. וכאשר ראיתי שמוכרין שם מצות אפויים לבני אדם, היה זאת בעיני כמו שקונים מצות פשוטים. ובפעם הראשונה שראיתי רב מובהק שבא לקנות מצות בבית האפיה, לא יכולתי להירגע. אשר רב תלמיד חכם קונה מצות כאלו שלא הוכן בהבית.

אצל אבותינו בדור הקדום לא היו מתערבים במאכלים, לאכול מה שלא נתבשל או נאפה בביתו אלא בבית אחר, ומכל שכן בפעקטארי. ובבית **אבא מארי זצ"ל** לא נכנס בהבית בפסח מדברים העושים בפעקטארי, רק מלח וצוקער שאי אפשר היה בלעדם. ואפילו חלב לא היו קונים, רק להקטנים. כהיום יש שפע במאכלי פסח, כמעט אין שום שינוי במאכלי הבית בפסח משאר ימות השנה. ונחסר מהבית החן של קדושה שהיו יכולין למשש פעם באויר הבית (אני חושב שבני הנעורים לא מבינים מה שאני אומר כעת, רק הדור הקדום). ונניח שאי אפשר למנוע אותם מקטנים ונשים, אבל למה יאכלו בני תורה מכל מה שנעשה בחוץ. וכי בשביל שזה נמצא כבר בבית, אינו צריך לעצור עצמו מלאכול מה שאין לו הכרח לידי כך.

כללו של דבר כי ישנם דברים רבים של עניני יהדות, שכאשר מזניח אותם, הוא עושה בזה פתח לקרר היהודות מהבית. וכאשר שומר עליהם הוא מלהיב גחלת היהדות של בני ביתו. ואין להאדם לדון רק על המעשה ההוא לכשלעצמה, אם זה מותר או אסור, אלא ישים עיניו על התוצאה שנעשה מזה, באיזה סוג יהודי הוא או אשתו נכנסים בזה, וזה משנה אחר כך צביון וצורת כל הבית, שבזה תלוי סוג החינוך שיתחנכו בני ביתו.

וזהו מה שדרשו חז"ל ויהי שם לגוי (דברים כו-ה) מלמד שהיו ישראל מצויינים שם. ואיתא במדרש (ויק"ר לב-ה) שלא שינו ישראל במצרים שמם ולבושם ולשונם ע"ש. הנה דברים אלו לא היו ישראל מצווים עליהם, ואין הם מהשבע מצות. אבל בני ישראל עשו חשבון לנפשם, הנה נגזר עלינו להיות כאן עבדים ארבע מאות שנה, מה יעצור בפנינו שלא נתערב ברבות הימים בהמצריים. איך יתגדלו הבנים שלנו ביניהם בלי תורה. על כן עשו על עצמם גדרים ליהדותם, אנחנו נעשה מסך המבדיל בינינו לבינם, שנהיה מובדלים מהם בחיצוניות, ונאחד כל היהודים יחד באגודה שלא תתפרד. והוא, שאנחנו לא נדבר כמותם בלשון מצרים. אנחנו לא נהיה לבושים כמותם. ולא נקרא את שמותינו כשמותם. זהו מסך המבדיל בינינו וביניהם שנשאר יהודים כשרים, עד שלבסופו זכו

שלא היה גם אחד מהם פרוץ בערוה, ונשארו ביהדותם שיוכלו לגאלם, ולא להטבע עמהם.

וסיים בברכה: שנוכל לקיים מצות החג כראוי, ולנצל קדושת הזמן להשפיע על בני הבית אמונה טהורה שאנו שואבים מהחג הקדוש הזה. עדי נזכה להבטחת ה' שבניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל (ר"ה יא.), ונזכה עוד בשנה זו לאכול שם מן הפסחים ומן הזבחים, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.